# בהיכלא דמלכא

שיחות קודש, וסיפורי חסידות שנשמעו מפ"ק
מרן רביה"ק הברך משה זי"ע

שיחת קודש

## עובדות וסיפורים

## במשנתו של מר אביו מרן העצי חיים זי"ע

לרגל יומא דהילולא קדישא ו' שבט

**מכ"ק רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע**

- א -

### ואלה תולדות

**ותרא אותו כי טוב הוא**

**הרה"ח ר' שלמה יעקב געלבמאן ע"ה:** איך האב געוואלט זאגן פארן רבי'ן, אז מען האט געטראפן א אינטערסאנטע כתב יד, ווען דער **עצי חיים** איז געבוירן געווארן, מען האט אים געוויזן פארן **ייטב לב**, אזוי שרייבט ער, ווען ער איז אנגעקומען, מען האט אים געוויזן דאס קינד, האט ער געזאגט, אז דאס איז א אור וואס שיינט, איך בין זיכער, אז ווען דער זיידע דער **ישמח משה** וואלט געלעבט וואלט ער א הנאה געהאט פון אים[א].

**רבינו:** ווער שרייבט דאס?

**א.** וז"ל: ""וסיפר לי ת"ח מופלג שהיה תלמוד מרן הגה"ק בעל קדושת יו"ט זצ"ל, ר' **חיים שמואל** ז"ל **מדעעש**, שמרן הגה"ק **בעל קדושת יו"ט** זצ"ל פגע פ"א עם הגה"צ ר' **מרדכי יודא לעוו** אב"ד אינטערדאם זצ"ל בעת שהיה שבת שם בשבת אחד, ולקח עמו גם רבינו [מרן **העצי חיים**] זצ"ל שהיה שנה אחר הנישואין, וסיפר הגאון [מאינטערדאם] הנ"ל עם רבינו [העצי חיים] בתורה בכל ענינים, ואמר הגאון הנ"ל למרן הקדושת יו"ט על בנו שהוא כלי מפואר מאוד, והוא גדול בתורה, ולא ראה גדול כמו רבינו באלו השנים, והשיב לו אביו רבינו הקדושת יו"ט שאינו חידוש כל כך, **מפני [ש] כשנולד רבינו היה באמצע שבוע, וזקינו מרן הגה"ק בעל ייטב לב זצ"ל לא רצה להסתכל על פניו עד ליל שבת של זכה**, ואמר זקינו עליו שיהיה אור גדול בכל העולם, ובירך אותו שיהיה גדול הדור, ואמר זקינו שיש שמחה גדולה בכל העולמות, וגם זקינו מרן הגה"ק בעל **ישמח משה** זצ"ל שמח ג"כ עמו מאוד".

**ר' שלמה יעקב:** ר' **הערש פנחס** פון ירושלים[ב] האט געהאט א פעטער א סיגעט'ער חסיד[ג], ער האט געשריבן אפאר זאכן פון קדושת יו"ט און עצי חיים זייער שיינע זאכן.

**(במסיבת שבע ברכות ה' ויגש תשמ"ט)**

## "די נשמות האב איך אינזין געהאט, די גופים נישט"

**הרה"ח ר' אהרן שעהנפעלד ע"ה:** דער **באטור'ער רב** (הגה"צ רבי נפתלי ט"ב זצ"ל) **מיטן עצי חיים ז"ל זענען געווען זייער גוטע פריינט. ווען ער** (מרן העצי חיים זי"ע) **איז נפטר געווארן איז ער** (הרב מנירבאטור ז"ל) **געווען אין סיגעט צוטיילן די ירושה, ווען ער** איז צוריקגעקומען, האט ער זיך אנידערגעשטעלט שמועסן און דערציילן פון עצי חיים. דאס האט ער אויך געזאגט – קען זיין ס'איז ידוע אבער אלעס וואס איך זאג האב איך אליין געהערט פון באטור'ער רב – האט ער געזאגט אז דער קדושת יום טוב האט געזאגט פאר **ר' מיכאל דזשירקער** – עס איז געווען א ר' מיכאל דזשירקער **ר' אברהמעלע'ס** שווער[ד] – "איר פארט דאך אויף ארץ ישראל וועט איר דאך אוודאי זיין אויף די קדושים פלעצער, בעט איך אייך איר זאלט אינזין האבן מיינע קינדער, ווייל די נשמות האב איך אינזין געהאט, און די גופים נישט"[ה].

**(ביקור חולים פ' ויק"פ תשמ"ה)**

---

א.ה. עובדא זו נדפס ג"כ בספר **צדיק כתמר יפרח** (י"ל בשנת תש"א ע"י הר"ר מנחם מענדל גאלדשטיין ז"ל, בערך מרן העצי חיים זי"ע) שנדפס מרשימות הרה"ח ר' **ליפא ברוין** ע"ה הנ"ל, אלא ששם כתב המעתיק בטעות: "מפני בעת שנולד רבינו היה באמצע שבעה של זקינו מרן הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע, ולא רצה להסתכל בפניו עד ליל שבת של זכר", ובפשטות משמע שמרן הקדושת יו"ט זי"ע לא רצה להסתכל על הילד באמצע השבעה עד שב"ק, אבל בודאי שהוא ט"ס, שהעצי חיים נולד בשנת תר"מ, והייטב לב נסתלק בשנת תרמ"ג, וידוע שמרן הייטב לב זי"ע נסע לטעטש להיות על אותו שבת שנולד מרן העצי חיים זי"ע, ואף אמר תורה מעניני דיומא (עה"פ ויקרא בהם שמי ושם אבותי, ונדפס בשמו ב'עצי חיים' פ' נשא, וע"ע שם אהרן פ' מטות וברך משה פ' במדבר), ולפנינו בכת"י הרה"ח הנ"ל נתגלה שהכוונה שמרן **הייטב לב** זי"ע לא רצה להסתכל על התינוק באמצע השבוע עד ליל שב"ק שבו נשפע נפש החיוני על הולד.

**ב.** ה"ה הרה"ח ר' **הערש פנחס מאשקאוויטש** ע"ה מירושלים שהיה מתלמידיו הנאמנים של מרן רבינו היוא"מ זי"ע ומשלוחיו ומקורביו בארה"ק.

**ג.** ה"ה הרה"ח ר' **חנני' יו"ט ליפא ברוין** ע"ה, בן הגה"צ ר' ישראל ברוך זצ"ל בעמח"ס אבן ישראל, נפטר י"ז כסלו שנת תש"א לפ"ק.

**ד.** היינו החסיד הצדיק רבי **מיכאל רוטמאן** זצ"ל שהתגורר בכפר **דזשירקא**, והיה נקרא 'רבי מיכאל דזשיריקער' והיה נמנה על עדת חסידי סיגעט, והרה"צ **רבי אברהם'לי** בנו של הרה"ק רבי **ישעי' מקערעסטיר** זי"ע נשא את בתו של ר' מיכאל לאשה, וברבות השנים עלה ר' מיכאל לארה"ק ובנה בעיר העתיקה בירושת"ו ביהמ"ד חסידי והכנסת אורחים גדולה שהיה מההקדש של כולל אונגארין והיה נקרא 'לחסידי סיגוט' שהיה קיים עד שנת תש"ח, ונטמן בהר הזיתים.

**ה.** וכ"כ בספר **נחלת יעקב** לחנוכה (עמ' ש"ס, בקונטרס בית יחזקאל): "הרה"צ מוה"ר מיכאל ראטמאן זצ"ל מזשירק, לבסוף ימיו נסע לאר"י ונתישב שם בעיה"ק ירושלים ושם מנוחת כבודו, וטרם שנסע לאה"ק לקח ברכת פרידה ממרן הגה"ק בעל **קדושת יו"ט**, אמר לו בזה"ל רבי מיכאל איהר פארט קיין ארץ ישראל איהר וועט אוודאי זיין אויף די



רשימות הרה"ח ר' ליפא ברוין ע"ה

**רבינו:** די וועלט האט זייער מקנא געווען דעם זיידן דעם **קדושת יום טוב** מיט זיינע צוויי קינדער[ו]. ער האט דאך געזאגט פאר **רבי מיכאל דזשירקער** וואס איז געפארן קיין ארץ ישראל, מען האט אים געזאגט, ער פארט קיין ארץ ישראל מתפלל זיין, זאל ער מתפלל זיין פאר זיינע קינדער. ער איז געווען זייער א שוואכער. ווען דער טאטע האט חתונה געהאט איז דאך דער **שינאווער רב** געווען אויף דער חתונה, און עס איז געווארן זייער שפעט, און ער האט זיך עפעס צוגעלייגט, האט דער זיידע (הקדושת יו"ט) זכרונו לברכה געהייסן דעם חתן (העצי חיים) זאל אויספאסטן[ז]. ער האט מורא געהאט, ער איז געווען זעכצן יאר בסך הכל, ער איז דאך געווען אזוי קליין און מאגער. איך האב פון אים אליינס געהערט אז ער האט דערציילט, ווען ער איז בר מצוה געווארן, און דער **זיידע זכרונו לברכה** האט מקפיד געווען אז די רצועות זאלן זיין ברייט, און ער האט נישט געקענט בשום אופן ארויפלייגן זיבן כריכות.

**(ה' לך תש"נ במיאמי)**

## - ב -
## בצל מרן הגה"ק משינאווא זי"ע

### בימי בחרותו

**הרה"ח ר' שלמה יעקב געלבמאן ע"ה:** דער רבי האט געזעהן וואס דער ביקסאד'ער רבי האט געוויזן דעם **דברי יוסף** פונעם **האדאד'ער רב**[ח]. ער שרייבט, אז ער האט זוכה געווען צו לערנען בחברותא מיט'ן **עצי חיים**.

**הגה"צ אב"ד טעמעשוואר זצ"ל:** דער רבי האט אים געקענט?

**רבינו:** יא, איך געדענק אים.

**הרב מטעמעשוואר:** ער האט געלערנט מיט'ן עצי חיים ז"ל.

**ר' שלמה יעקב:** ער איז געווען א חתן, ווען דער עצי חיים איז אמאל געפארן צום **שינאווא'ער רב**, ער איז מיטגעקומען, האט ער געזאגט, אז ער האט געהערט ווי דער **קדושת יו"ט** זאגט, "איך שיק דיר אויף שינאווא, כדי דו זאלסט דיך לערנען ווי אזוי מען זאגט א שהכל מיט א ברכת אשר יצר"[ט].

---

מקומות הקדושים זייט מזכיר מיינע צוויי זיהן זאלין זיין געזונט און שטארק, נשמות האב איך זיי אויסגעוועלט, פון גופים האב איך פארגעסן".

ויש לציין שבשעת הנחת אבן הפנה לבנין ישיבת 'עצי חיים' בקרית יואל שנבנה ע"י מרן זי"ע להקים שם ושארית לאביו הק', אז סיפר רבינו בהדרשה מגדולת אביו הק' וגודל סבלו ועגמת נפשו מפעולות הציונים בעיר סיגעט וזה אשר קיצר את ימיו עלי אדמות, ואז הזכיר את העובדא הנ"ל שמרן הקדושת יו"ט אמר שלא התפלל על גופים ולכן היו חלושים מאוד בטבעם, וסיים: און ווי באקאנט איז דער פעטער ז"ל יוגערהייט אויך געווען א גרויסער חלש, אזוי ווייט אז ער האט קוים געקענט פאסטן יום כיפור, נאר שפעטער האט מען איהם געגעבן פון הימל געוואלדיגע כוחות וואס דאס איז געווען לטובת הדור...

**ו.** ראה **מושיען של ישראל** (ח"א פ"ב, במהדו"ח עמ' ל"ו-ל"ז).

**ז.** **בחכמת אדם** (שער בית הנשים כלל קכ"ט ס"ב): "נוהגין שהחתן והכלה מתענין ביום חופתן, יש אומרים הטעם משום שהוא יום סליחה דידהו, ויש אומרים שמא ישתכר, ואין צריך להתענות אלא עד אחר החופה אף שהחופה בעוד יום גדול, ואף לפי הטעם שהוא יום סליחה אך אחר החופה הוי יום טוב, ועיין במגן אברהם סימן תקנ"ט ס"ק י"א ובעטרת זקנים שם. **ונראה לי דאם אחרו החופה שעה או שתים בלילה יש לסמוך על טעם ראשון ואין צריך להתענות רק עד צאת הכוכבים**, כי מאחר שהתענית הזה אינו מוזכר כלל בגמרא יש לומר מעיקרא לא קיבלו עליהם להחמיר יותר משארי תעניתים והיינו עד צאת הכוכבים, מיהו אף על פי כן יש ליזהר שלא לשתות משקה המשכר קודם החופה". והו"ד **בפתחי תשובה** (סי' ס"א סק"ט). **ובליקוטי מהרי"ח** (סדר נישואין התנהגות יום החופה) הוסיף ע"ז: "וכן ראיתי שפסק הלכה למעשה כבוד אדומו"ר הגה"ק מו"ה **יחזקאל שרגא האלברשטאם משינאווא** זצלה"ה". וכן הורה **רביה"ק בעל ויואל משה זי"ע** (תמר יפרח סי' ר"ט, הבית בהבנותו פ"ח אות ח'), אולם הזהיר שמ"מ לא ישתה חלב המשכר.

**ח.** הגה"צ רבי **יוסף ארי' פיש** זצ"ל אבד"ק **האראד**, הי' בן הגה"צ ר' **צבי אלימלך פיש** זצ"ל (אבי הגה"צ ר' משה זצ"ל, שהי' אביו של הגה"ק רבי אליעזר פיש זצוק"ל הי"ד מביקסאד), והי' תלמיד מובהק למרן **הקדושת יו"ט** זי"ע, והי' לומד ביחד עם בנו מרן **העצי חיים** זי"ע, כי הקדושת יו"ט בחר לו ללמוד בחברותא עם העצי חיים.

**ט.** בהקדמת הספר **דברי יוסף** (מהדורת תשנ"ו, שכתב הגה"צ מביקסאד זצ"ל): "וגם בעת ששלח הקדושת יו"ט בנו העצי חיים קודם החתונה על שב"ק להרה"ק **משינאווא** זי"ע הי' נוסע עם העצי חיים, ושמע מהקדו"ט שאמר להעצי חיים הנה אשלח לך לשמוע וללמוד האיך אומרים ברכת שהכל

זונטאג נאך שבת איז ער אריין צום שינאווא רב, מען האט אריינגעלאזט דעם עולם זיך געזעגענען, האט דער שינאווער רב אים (מרן העצי חיים ז"ל) געהייסן פארליינען די קוויטלעך וואס מען האט אים מזכיר געווען, דאס איז געווען ווי א סמיכה.

**רבינו:** דאס ערשטע מאל ווען דער טאטע איז געפארן קיין שינאווא איז געווען מיט ר' **דוד יצחק** דער שו"ב[י], האט אים דער זיידע (מרן הקדושת יו"ט ז"ל) געזאגט, ווען ער (מרן העצי חיים ז"ל) איז נאך געווען גאר א יונג קינד, דער זיידע האט אים געבעטן, נעם אים מיט, האט אים דער זיידע אנגעזאגט ווען ער איז געפארן, זאלסט זאגן פארן שינאווא'ער רב ער זאל דיר בענטשן, האט ער דערציילט, אז ער איז מיטגעפארן דארטן, הכלל, ווען ער האט זיך געזעגנט, האט ער אים געזאגט, אז דער טאטע האט געזאגט אז איך זאל בעטן דעם רבין ער זאל מיך בענטשען, האט ער אים געזאגט "איך בענטשט דיר נישט, וואס עפעס... ווייסטו וואס, איך וועל דיר בענטשן ביי די חופה"[יא], ער איז נאכנישט געווען קיין חתן, ער איז נאך נישט געווען, ער איז געווען א קליין קינד.

(במסיבת שבע ברכות ה' ויגש תשמ"ט)

## בשמחת נישואיו

**רבינו:** ווען דער טאטע האט חתונה געהאט איז דאך דער **שינאווער רב** געווען אויף דער חתונה, און עס איז געווארן זייער שפעט, און ער האט זיך עפעס צוגעלייגט.

**הרה"ח ר' אביגדור יאקאבאוויטש ע"ה:** עס איז געווען עפעס צוואנציג חופות[יב].

(ה' לך תש"נ במיאמי)

ואשר יצר, וגם הי' אצל החתונה של עצי חיים בטארנא". כידוע שהרה"ק מצאנז ושינאווא היו מברכים ברכת אשר יצר בהתלהבות ודביקות עצומה, ועיי' בזה בס' **נפלאים מעשיך** (ח"א) מה שסיפר הגה"צ **מבאגאד** זצ"ל שפעם אחת הגיע הרה"ק **משינאווא** זי"ע לברית מילה בעיר טורנא בבית אחיו הרה"ק רבי **שלום אליעזר מראצפערט** זי"ע (שהתגורר שם קודם שנתיישב בראצפערט), אחר הברית עלה לבית אחיו הקדוש לברך מזל טוב להיולדת שהיא היתה בת הרה"ק רבי **מרדכי דוב מהארנסטייפעל** זי"ע, והרה"ק נעמד בפתח חדרה ואמר ברכת אשר יצר בהתלהבות עצומה, והרבנית הצדיקת סיפרה אח"כ שבשעה ששמעה הברכה מפיו הק' נזדעזעה עם מיטתה מרוב פחד וחרדת קודש, עד שכבר חיכתה בכליון עינים שכבר יסיים הברכה ותוכל לנוח על מיטתה בשלום, והרה"ק סיים "רופא כל בשר ומפליא לעשות - מזל טוב" והלך לדרכו. וסיפר הגה"צ מבאגאד שהיה שם בשעת מעשה, שאיזה "ארץ ישראל איד" היה נוכח שם בעת שהרה"ק בירך את האשר יצר "און ער האט זיך אריינגעריסן און א שאפע פין גרויס פחד".

**י.** הרה"ח ר' **דוד יצחק ווערצבערגער** ז"ל שו"ב טעטש, הי' מתלמידי מרן **הייטב לב** זי"ע, וממקורבי הרה"ק **משינאווא** זי"ע, ונסע לאורשיווא והיה מהסמוכים על שולחנו של רביה"ק בעל ויואל משה זי"ע. חתנו הי' הרה"ח ר' **יוסף לייב ווערצבערגער** ע"ה שו"ב קראלי (אבי הרה"ח ר' יקותיאל הערש ווערצבערגער ע"ה).

וראה **מושיען של ישראל** (ח"א עמ' פ'): "הרה"ח המפורסם מו"ה **דוד יצחק ווערצבערגער** ע"ה השו"ב מטעטש (שהי' מתלמידי מרן הייטב לב ז"ל וממקורבי מרן הדברי יחזקאל משינאווע ז"ל, ומרן הקדושת יום טוב ז"ל), היה פעם בסיגוט ונתבקש מהרבנית הצדקנית אמו של רבינו ז"ל שיטיף לקח מוסר לבנה הצעיר הוא רבינו ז"ל, אשר אף שעדיין לא הגיע לעול המצוות ואינו מניח עדיין תפילין, אעפ"כ מאריך זמן רב בהכנות גופו לתפלה שמזיק לבריאותו. הרה"ח הנ"ל קיים פקודת הרבנית והוכיח את הילד על מעשיו, ויענהו הילד בתמימות לבו בזה"ל: **"וכי איך אוכל להוציא מילים מפי לפני הבורא ב"ה כשאין גופי נקי כדבעי"**.

דברים הללו שנתלוו באנחה עמוקה ירדו חדרי בטן ועשו רושם אדיר על הרה"ח הנ"ל, ותו לא אמר לו מידי. ומיד חזר להרבנית ע"ה ואמר לה: לילד זה אין אני מוכשר לומר מוסר, אדרבה באתי ללמד ונמצאתי למד, ונהפוך הוא כי הילד הזה יוכל לומר לי מוסר, וידוע שר' דוד יצחק ע"ה היה אח"כ מהחסידים הנלהבים של רבינו ז"ל, ואף שהי' מקורב לצדיקים הקודמים הייטב לב, הדברי יחזקאל והקדושת יום טוב, אעפ"כ קיבל עליו מרותו של רבינו ז"ל ועמד לפניו בהכנעה יתירה באימה וביראה כעבדא קמי מאריה".

**יא.** ואכן לבסוף הי' הרה"ק **משינאווא** זי"ע המסדר קידושין אצל החופה של מרן העצי חיים ז"ל, ואח"כ בירך את החתן והכלה כידוע, ואכהמל"ב.

**יב.** בספר **בוצינא קדישא** (ח"א עמ' כ"ו) מרשימות הרה"ח ר' **סענדער דייטש** ז"ל ראה"ק ומנהל המוסדות: "הגה"ק בעל **עצי חיים** זצ"ל נשא את הרבנית הצדיקת מרת **ברכה סימא** ע"ה בתו של הרה"ק רבי **שלום אליעזר האלברשטאם** זי"ע, בנו של רבינו הקדוש **מצאנז** זי"ע, וחתנו של הגה"ק רבי **מרדכי דוב טווערסקי** זצוק"ל **מהארנסטייפלא**, בעהמח"ס חיבור לטהרה ושו"ת עמק שאלה. החתונה התקיימה ביום ה'

### "די ברכה פון פעטער"

**הרה"ח ר' חיים הערש יאקאבאוויטש ע"ה:** כ'האב זיך היינט דערמאנט, אז כ'האב געהערט די מאמע ע"ה **די רעבעצין** (הרבנית ברכה סימא ע"ה) **ביי** די לויה פונעם **עצי חיים** האט זי געשריגן: "**ווי איז די ברכה פון פעטער**", זי איז געגאנגען אויפן גאגאן (פארטש) און געזאגט: "ווי איז די ברכה פון פעטער, אז דער פעטער האט מיר צוגעזאגט א ברכה אז מ'וועט מיר אינאיינעם גיין קעגן משיח... אויסלעבן..."[יג]

**רבינו:** "זיך עלטערן אינאיינעם".

(ביקור חולים כסלו תשנ"ב)

### בחג השבועות

**רבינו:** ער פלעגט אַסאַך פאָרן צום פאָטער דער **שיניאָוועו רב**, און פון זיין חתונה בשנת תרנ"ו ביז צום שיניאָוועו רב'ס הסתלקות (ו' טבת תרנ"ט) איז ער אַסאַך געפאָרן צו אים אויף שבועות, און איז דאָרט אָפּגעזעצן אַ לאַנגע צייט.

(קישור החיתון מוצ"ש מפשטים תשנ"א)

- ג -

## בצל אביו מרן הקדושת יו"ט זי"ע

### לא יאונה לצדיק כל און

**הרה"ח ר' משה טייטלבוים ע"ה מבאניע:** איך האב געהערט פון טאטן, **דער זיידע** (הרה"צ ר' משה מטעטש זצ"ל) איז געווען א איידעם אין **אוסטריק**[יד], איז ער געפאָרן אויף פסח צום שווער, איז ער געווען געזעגענען ביים **קדושת יו"ט**, זאגט אים דער קדושת יו"ט, דו פארסט דאך קיין גאליציע, נעם מיט א קריגל וויין קיין טארנא, דער עצי חיים איז געווען דעמאלט אין טארנא, און געהייסן זאגן אז דאס איז ריינער וויין, עס איז נישט געמישט.

---

בהעלותך טו"ב סיון שנת תרנ"ו, בעיר **טארנא**.

וממשיך ר' סענדער לספר: "שמעתי מרבינו [מרן בעל ויואל משה זי"ע] כמה פרטים מהחתונה של אחיו הגדול מרן הגה"ק בעל **עצי חיים מסיגעט** זצוק"ל, אשר מרן הגה"ק **משיניאווע** זי"ע ישב בראש המסובין בחתונה זו. רבינו סיפר לי כיצד זכה לראות את רשכבה"ג מרן הגה"ק משיניאווא זי"ע. לקראת החתונה נתקבצו ובאו המונים רבים מכל קצוי המדינה ומחוצה לה, כי נתאספו הרבה צדיקים הן מפולין וגאליציע, וגם מרוסיש פוילין ומעוד כמה מקומות. הלחץ והדוחק היה עצום מאוד. וכאשר הגיע זמן החופה כמעט שלא היה אפשר להעמיד את החופה, מחמת ההמון העצום שהסתערו מכל עבר ופינה כדי להיות נוכח בזמן הנשגב והנורא ההוא, שעת החופה.

הגבאים עם הסדרנים עשו כמה תחבולות כדי שיוכלו להעמיד את החופה. פעם העמידו חופה במקום זה, כדי שהציבור ילך לשם, ואח"כ העמידו לפנים חופה אחרת במקום אחה, כדי לבלבל את העולם. עד שהוכרחו להעמיד את החופה סמוך לבית אכסניית המחותנים, ועל ידי זה נתאחר זמן החופה.

הרה"ק משינאווע נתכבד בסידור קידושין. בגלל עבודתו בקודש התאחר לסדר הקידושין. וסיפר לי רבינו, כי מאלפי הנוכחים לא הצליחו אלא מתי מספר לראות את החופה, כי מיהרו לילך ממקום למקום. אבל הוא, רבינו עצמו, היה נוכח בשעת החופה. לפי שהיה צעיר לימים כבן עשה, והיה עייף מטורח הדרך, לכן השכיבו אותו במטה בחדר שהיה מוכן עבור מרן משיניאווע זצ"ל. וסמוך לחצות הלילה הגיע הרה"ק משיניאווע, והתחילו לעשות את ההכנות לסידור קידושין. וכיון שרבינו נמצא אז באותו חדר, לכן זכה להיות נוכח בשעת החופה, ולשמוע את ברכת הקידושין מפי הרה"ק משיניאווע".


בעזה"י הללוהו בתף ומחול למ"ק

למזל טוב

קול ששון וקול שמחה | קול חתן וקול כלה

קול אומרים הודו לד'

הוא יום שמחת בני התרי"ף ושנן צמח תהלה לצבי

כמוהר"ר חיים צבי יחי'

עב"ג הבתולה הכלה המהוללה חמד מעץ חיים

מרת ברכה סימא תחי'

בת הה"צ מו"ה שלום אליעזר האלבערשטאם בראנא

בן אדמו"ר הגאון הקדוש מצאנז וצוקללה"ה.

אשר נתנו אי"ה למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת אי"ה בהעלותך

כערב טו"ב סיון הבעל"ל בעיר טארנאוו (גאליציען)

חנני' יום טוב ליפא טייטלבוים

אבדקק סיגוט והגליל

דרוק פאָן מענדל חיידער ב.-סיגעט

ההזמנה להחתונה של מרן העצי חיים זי"ע

**יג.** הכוונה להברכה שנתן להם מרן הגה"ק **משינאווא** זי"ע בשעת חופתם. ולדאבון לב נתקיים במילואה, כאשר כמה חדשים אח"כ ביום ה' ניסן תרפ"ו לפ"ק נפטרה היא לחיי עלמין.

**יד.** שנשא את בת גילו מרת **דבורה דוואשא** ע"ה, בתו של הגה"ק רבי **יוסף**

ער האט טאקע מיטגענומען דאס קריגל וויין, ער איז געפארן מיטן באן און געלייגט דאס קריגל אויבן אין די הייעך, און דאס קריגל איז אראפגעפאלן און האט זיך צובראכן. דער עולם וואס איז מיטגעפארן האט אנגעהויבן זיפן פונעם וויין, און איינער רופט זיך אן דאס איז נישט קיין ריינע וויין ס'איז אריינגעמישט איטאליענישע וויין, האט ער געזאגט, מען האט מיר געזאגט איך זאל זאגן עס איז ריינע וויין, עס איז גארנישט אריינגעמישט, זאגט ער איך בין א מבין - ער האט געזאגט ווי אזוי ער הייסט - איך גיי עדות זאגן אז דא איז אריינגעמישט איטאליענישע וויין, אינדערהיים האט מען נישט געטרונקען קיין איטאליענישע וויין.

ווען ער איז צוריק געקומען איז ער אריינגעקומען צום קדושת יו"ט, און געזאגט, פעטער, איך האב נישט אויסגעפירט דאס שליחות, דאס קריגל וויין האט זיך צובראכן, נאר דער פעטער זאל זיך נישט רעגן, עס זענען געפארן אידן, און איינער האט געזאגט דארט אז עס איז הונדערט פראצענטיג אז אין דעם וויין איז אריינגעמישט איטאליענישע וויין.

האט ער געלאזט רופן [דעם וויין סוחר] ר' פישל, ער האט געוואוינט אין ביטשקוב, און האט געמאכט חקירות ודרישות, ביז ער האט געזאגט אז ער האט געמיינט [שבאופן זה לא יקפיד][טו] דער קדושת יו"ט האט געזאגט דעמאלטס, א סוחר בלייבט א סוחר, א סוחר קען מען נישט גלייבן...

**רבינו:** ער איז נישט געווען קיין סיגעט'ער חסיד דער ר' פישל, אן אנטניער חסיד.

**אחד הנוכחים:** מען האט דעם עצי חיים אפגעהיטן פון הימל.

**רבינו:** יא, יא.

**אחד הנוכחים:** היינט איז דאס נישט אזוי נהוג, אינדערהיים איז אזוי געווען, יעדע זאך איז געווען א גרויסע שאדן, א הפסד מרובה.

**רבינו:** נישט שייך קיין הפסד מרובה ביי יענעם[טז].

**ר' משה פריעדמאן, משב"ק:** עס איז זיכער געווען כשר'ע וויין, אבער נישט דאס האט ער געוואלט שיקן פארן עצי חיים קיין טורנא.

**(במסיבת תנאים, חורף תשנ"ה)**

## חוזר לבית אביו בסיגוט

**רבינו:** א וואווילער איד געווען **רבי חיים**[יז], א ערליכער איד. **רבי משה**[יח] איז עלטער געווען פון רבי חיים. איך געדענק גוט רבי משה, איך בין געווען א קינד[יט], ער איז געווען מיט מיין **טאטן ז"ל** זייער גוט.

דער **טאטע ז"ל** האט חתונה געהאט האט ער געגעסן קאסט אין טארנא **ביים זיידן**

---

**ריינמאן** זצ"ל אבד"ק אויסטריק. ראה תולדותיו בארוכה בספר **בצל תומר** (פרק ט').

**טו.** קשה להבין על הטעיפ, ובס' **בצל תומר** (הנ"ל, עמ' קס"ו) מובא שהקדיו"ט דיבר אליו קשות עד שהודה הסוחר שעירבב קצת מסתם יין הבאה מאיטאליע כדי להשביח היין, ואמר שהיה לו היתר לזה מפי רב מובהק באופן של ביטול, אבל מרן הקדיו"ט לא היה נח דעתיה בזה כי רצה דוקא ביין מהודר ביותר בלי שום עירוב סתם יינם, ואמר אז דכפי הנראה שמרו את בנו העצ"ח מן השמים שלא יכשל בזה ואת רגלי חסידיו ישמור, ואין הקב"ה מביא תקלה לידם.

**טז.** עיין בשו"ת **עצי חיים** (יו"ד סי' ג'): "ועיין **בחתם סופר** או"ח סימן ס"ה, דלא הותר משום הפסד מרובה אלא לו ולבני ביתו אבל אחרים למה יקנו ממנו לכתחלה, וקרוב לודאי שמחויב להודיעם, עכ"ל. ואם כן הכא נמי היה צריך להודיע לכל כי הבשר הזה יש בו תערובות שומן מחלק אחוריים, ומי פתי יסור שמה לקנות בלי תערובות אחוריים, אשר במדינתינו לא הרגלנו בזה ולא שערום אבותינו, לכן טוב עשה כת"ה שלא הניח להם אח"כ עוד להשתמש בו בזו".

**יז.** הגה"צ ר' **חיים טייטלבוים** זצ"צ מטעטש, בנו השני של הגה"ק רבי **אלי' בצלאל** זצ"ל מטעטש, וחתן הגה"צ ר' **יצחק משה פאנעט** זצ"ל אבד"ק רעטיאג (נכד הגה"ק בעל מראה יחזקאל זצוק"ל). אחר חתונתו שב לעיר טעטש ושמה עבד עבודתו בקודש בביהמ"ד החסידים. נעקד"ה בימי הזעם ביום ב' דיו"ט שבועות תש"ד.

**יח.** אחיו הגה"צ ר' **משה טייטלבוים** זצ"ל אבד"ק טעטש, בנו הגדול של הגה"ק רבי **אלי' בצלאל טייטלבוים** זצוק"ל אבד"ק **טעטש**, וחתן הגה"צ ר' **יוסף ריינמאן** זצ"ל אבד"ק **איסטריק** (בן הרה"ק מנאראל זצוק"ל). אף שהי' איש חולי וחלוש, התאמץ לעבוד את בוראו במסירנ"פ. נלחה"ה ביום כ"ד חשון תרפ"ד במקום מרפא במדינת איטאליע, ומנו"כ בטעטש.

**יט.** בעת פטירתו הי' רבינו כבן תשע שנים.

(הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זצ"ל), **אבער ער האט געוואלט אהיימקומען, זאגן אז ער וויל אהיימקומען האט ער אויך נישט געקאנט, וואס זאל ער זאגן ער וויל נישט זיין ביים שווער ביים זיידן? ער איז געווען א חבר מיט דעם רבי משה, האט ער אים געשריבן ער זאל אריינגיין צום זיידן ז"ל זאגן אז ער האט שוין געוואלט אהיימגיין, ער איז געווען דער שליח אריינצוגיין זאגן. איך האב געזעהן דאס קארטל, רבי משה האט געהאט**



המכתב קודש ממרן הקדושת יו"ט זי"ע



המכתב קודש ממרן העצי חיים זי"ע לאמו הרבנית הצדיקת ע"ה

**דאס קארטל, דער טאטע האט אים געשריבן[כ], ער איז געווען א חבר מיט אים.**

**כ"ק גאב"ד סאטמאר מאנסי שליט"א: ווי לאנג האט ער געגעסן קעסט ביים זיידן?**

**רבינו: זעקס חדשים, א האלב יאר[כא]. ער איז געווען א קינד, ביי זעכצן יאר האט ער חתונה געהאט.**

**(במסיבת תנאים, חורף תשנ"ה)**

## שב"ק בצל אביו בנאנאש

**רבינו: איך האב א בריוו ווען דער זיידע דער קדושת יום טוב איז געווען אין נאנאש און דער טאטע שרייבט אהיים א בריוו פאר די באבע – ער איז מיט געווען מיטן זיידן אין נאנאש – שרייבט ער אז עס איז געווען א פיינער שבת, א דרשה, און שרייבט אויך אז שאר בשרי דער באטורער רב איז אויך געווען[כב].**

**(ביקור חולים, פ' ויק"פ תשמ"ה)**

---

**כ.** וז"ל המכתב קודש:

ב"ה, יום ה' שופטים תרנ"ו לפ"ק, סיגוט יע"א.

החיים והשלום וכט"ס אל כבוד אהובי בני חמדת לבבי ה"ה האברך המופלג החריף וכו' כש"ת מו"ה **חיים צבי ט"ב** נ' ויזרח עד בלי ירח.

שני כתובים הבאים כאחד אשר בם הודעתני מבריאתכם ושלומכם הטוב הגיעו לידי על נכון, וב"ה אשר גם מצידינו אוכל להגיד לך כל טוב, ה' הטוב יעזור ויושיע אותנו גם להלאה. וטרם ביאתך לבתינו לשלום, בדעתי אי"ה לשלוח לך איש עתי מפה למען יהי' בעזרך לעת הצורך לכל ענינך שמה, וגם להורות לך הדרך ולטלטל החפצים אשר אתך. ואודות הספרים פליאה בעיני הלא חותנך הה"צ וכו' שיתן לך מזה חמשה ועשרים ז"כ על קניית ספרים. והנני חותם בכל חותמי ברכות, ושובע שמחות.

והנני דו"ש באהבה

**חנני' יום טוב ליפא ט"ב**

פ"ש אל כבוד מחותני חותנו הה"צ [רבי שלום אליעזר הלברשטאם] שליט"א, את מכתבו קבלתי, אולם רואה אני כי אין זה תכלית בני נ"י לעכב שמה יותה, לכן בדעתי שיבא עם זו' תחי' עוד קודם ר"ה הבע"ל לבתינו לשלום.

והש"י יתן לנו כוח"ט בכלל כל ישראל, הדו"ש באהבה עזה

**חנני' יום טוב ליפא ט"ב**

**כא.** מיום חתונותו שנערכה ביום טו"ב סיון שנת תרנ"ו.

**כב.** וז"ל המכתב קודש:

יום ב' פר' ואתחנן שנת תרנ"ז לפ"ק פה נאנאש יצ"ו

אל כבוד אמי מורתי הרבנית הצדיקת הצנועה והחסידה

### לא החזיק ספר שלא ראה בבית אביו

**רבינו:**ביים **טאטן אין סיגוט** איז עס נישט געווען [הספר תפארת ישראל], דער טאטע האט נישט געהאלטן א ספר, וואס **דער זיידע** (מרן הקדושת יו"ט זי"ע) האט עס געקענט האבן און האט עס נישט געהאט, האט ער נישט געוואלט האבן.

**(ג' לך תש"נ במיאמי)**

### הקדושת יו"ט שלח להפקד אליו

**רבינו:** די אלטע **בערבעשטער רביצין**[כג], איז געווען אן אשה חשובה.

**כ"ק אדמו"ר מסטריזוב שליט"א:** די באבע האט דערציילט אסאך מעשיות פון ייטב לב, **דער רב** (מרן רביה"ק זי"ע) האט געזאגט אז וואס זי דערציילט איז אויטענטיש.

**רבינו:** זי האט דערציילט אז אמאל איז ביי איר א קינד קראנק געווען – דער זיידע דער **קדושת יו"ט**, האט איר זייער מכבד געווען, ווען זי איז געווען דארט אין די אינגע יארן, האט ער נישט געוואלט טרינקען א קאווע נאר וואס זי מאכט – איז ביי איר א קינד קראנק געווען, האט זי געזעהן דעם זיידן דעם קדושת יו"ט אין חלום, און זי האט זייער שטארק געוויינט אז זי האט א קראנק קינד און וואס זאל זי טוהן, האט ער איר געהייסן ארייַנפארן קיין סיגוט **צום טאטן ז"ל**, און דער קדושת יו"ט האט איר געזאגט, איך קען שוין גארנישט טוהן[כד], ממילא האט ער געזאגט זי זאל פארן צו אים.

**(במסיבת תנאים, א' חיי שרה תשנ"ג)**

- ד -

## תורתו מגן לנו

### כל היום היא שיחתי

**רבינו:** דער טאטע איז אויך קיינמאל נישט געשלאפן בייטאג, ער איז געגאנגען שלאפן צוויי אזייגער, ער איז געזיצן און געשריבן[כה]. אינדערפריה איז ער זעקסע שוין אייביג געווען אין מקוה, אויפן האר, זעקס א זייגער איז ער שוין אייביג געווען אין מקוה, ער איז געשלאפן צוויי דריי שעה, בייטאג איז ער נישט געשלאפן קיינמאל, אויסער פרייטאג און שבת, אויף א פאר מינוט.

**הגה"צ אבד"ק פריימאן זצ"ל:** ער איז קיינמאל נישט געשלאפן בייטאג?

**רבינו:** אינדערוואכן קיינמאל נישט, אויסער פרייטאג און שבת. ווען ער איז געקומען פון וויען[כו], האט דער דאקטער געזאגט, אז ער

המחכמת והמושלמת המפורסמת מנשים באוהל תבורך בת קדושים מרת חנה תחי'.

הנני להודיעך דאס מיר האמיר ב"ה פיר גיהאט איין גוטען שבת, אאמו"ר שליט"א וועט פארין לביתו בשלו' יום ג' או יום ד'.

דיין טייהערן בריעף האבע איך ערהאלטין יום ו' עש"ק, איך האבע נישט קיין צייט גיהאט תיכף דיר צו ענטפערין, ע"כ איך וויס אז אמי מורתי תחי' ווייסט אז אאמו"ר שליט"א האט גישיקט קיין טארני מאה ר"כ, וויל הרב מבאטור שליט"א האט געשריבן לכ"א תחי', נאך די פאריגע וואך יום ב'.

מער קיין נייעס האבע איך נישט צו שרייבן.

בלייבט געזונד האפפע פון דיר צו זעהען גוטטע בריעף.

בנך הדו"ש כל הימים.

**הק' חיים צבי טייטלבוים**

**כג.** הרבנית **רויזא בלומא** ע"ה אשת הגה"צ רבי **רפאל גראס** זצ"ל אב"ד **בערבעשט**, בתו של הגה"צ רבי **יעקב יוקל מוואלאווא** זצ"ל.

**כד.** יש להסמיך מה שמובא בס' **אמונת צדיקים** (עמ' נ"ד) שבימי הרה"ק רבי **ר' אלימלך מליזענסק** זי"ע נגזרה גזרה קשה על ישראל ר"ל, והיה מתאמץ בתפלה בכל עוז לבטלה במסירות נפשו, עד שנגלה אליו רבו הקדוש המגיד הגדול הרבי ר' **בער** ז"ל **ממעזריטש**, ואמר לו, לא אמרתי לכם התפללו בעדי, כי כל הימים אשר אנכי חי אני מעכב כל הגזירות, וישאלהו הרבי ר' אלימלך, הלא גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם, התפלל גם עתה בעדנו, ויענהו, כל עוד שהייתי חי בעוה"ז, ולפי מראה עיני הבשר שלנו היה נחשב לצער והייתי יכול לעכב, אבל פה בעולם העליון אני רואה שהכל טובה, וכי אעכב מלהיטיב לישראל זי"ע.

**כה.** ראה לשון קדשו של רבינו זצ"ל בהקדמתו לספרו **ברך משה**, כשמתאר עבודתו בקודש של אביו בעומדו בלילות לכתוב את חידושי תורתו.

**כו.** **בפ' וישלח תרפ"ו** לפ"ק (כדבסמוך).

שלאפט צו ווייניג, אן ס'שאדט אים, ער מוז שלאפן, ער וועט מוזן באצאלן די שלאף, אנדערש איז ער אין א סכנה, וועט ער נישט קאנען, עס איז געווען א געל-אקציע (סבל על בלוט-דרוק) דארף ער זיך אראפלייגן, דער דאקטער האט געזאגט, אז ער מוז זיך אראפלייגן, ער האט נישט געקענט איינשלאפן, וואס האט ער געקענט טוהן, ער איז נישט געווען געוואוינט צו דעם.

ליגן מיט א ספר אזאנס איז ביי אים נישט געווען מיט א ספר צו ליגן, האט ער גענומען אמאל מיך און אמאל מיין ברודער, און זיך אראפגעלייגט אויפן קאויטש, איך בין געזעצן נעבן אים, האב איך אים געפרעגט, וואס זאל איך זאגן, האט ער געזאגט, וואס איך וויל, האב איך געזאגט, איך וועל פארציילן מעשיות, האט ער געזאגט, גוט, איינמאל איך, און איינמאל ער, הכלל, וואס האב איך אים געקענט זאגן, וואס ער האט געוואלט, שפעטער האב איך פארשטאנען וואס ער האט געוואלט, ס'איז געווען די ישיבה, ער האט געוואלט וויסן וואס טוט זיך מיט יעדן בחור, ער האט מיך געפרעגט, דו קענסט דעם בחור, און די בחור, אמאל יא, און אמאל ניין, "פארוואס קענסטו נישט דעם בחור?" ער האט מיר אונטערגעשטעלט, אפילו איך האב נישט געוואוסט וואס ער האט געמיינט, אויסגערעכנט דעם געשטעל, איך האב דאך נישט געוואוסט פון וועלכע בחור ער מיינט, האב איך געפרעגט אויף א בחור, איך מיין דער בחור איז געווען ר' **שלמה בראווער**, ער האט דעמאלטס געלערנט דארט אין די ישיבה. איך האב דאס אים דערציילט.

אבער, ער האט געזאגט, אז ער קען נישט שלאפן, ער האט דעמאלטס אויך נישט געקענט שלאפן, אז דער דאקטער האט געזאגט האט ער זיך געקענט אראפלייגן. פרייטאג און שבת האט ער זיך אראפגעלייגט[כז].

**(בשיחה עם הרב מפריימאן ז"ל, ב' וארא תשמ"ה)**

**הרה"ח ר' שלמה יעקב געלבמאן ע"ה:** דער **באניער רב** פלעגט אסאך רעדן אינטערסאנטע זאכן פון עצי חיים, ווען ער איז געווען אין פוילן, ער האט אים נישט געקענט, נאר ער האט געהערט פון אנדערע, אז אויב האט ער איינגעדרומלט אינמיטן לערנען, פלעגט ער באצאלן כפל, בלייבן לערנען אין ביהמ"ד. מען פלעגט שמועסן אז סיגעט'ער רב'ס זון, אויב האט ער געדרומלט פינעף מינוט אין ביהמ"ד, פלעגט ער בלייבן לערנען פופצן מינוט לענגער, א אינטערסאנטע חשבון ווי אזוי ער פלעגט אפצאלן זיין חשבונות צו בלייבן לענגער אין ביהמ"ד.

**(במסיבת שבע ברכות ה' ויגש תשמ"ט)**

**כז.** לשלימות הענין נעתיק כאן מה שסיפר רבינו בשיחה עם הגה"צ רבי **יהודה הלוי טירנויער** זצ"ל אב"ד שומרי שבת ב"פ, בימי השבעה על אחותו הרבנית **חנה אייזיקסאהן** ע"ה ג' וילך תש"ן לפ"ק:

דער טאטע איז געווען אין וויען דעם לעצטן ווינטער, פרשת וישלח, האט אים דער דאקטער אויסגעפרעגט וואס איז זיין סדר, זאגט ער אז ער שלאפט צוויי שעה א נאכט. זאגט דער דאקטער, איז א וואונדער [שהוא חלוש כל כך]. הכלל, וואס זאל ער טון? [זאגט דער דאקטער] ער זאל זיך יעדן טאג אראפלייגן, ער מוז איבערברעכן דעם טאג. ער איז אהיימגעקומען אז דער דאקטער זאגט ער מוז זיך אראפלייגן, האט ער זיך יעדן טאג אראפגעלייגט אויפן קאוטש. ער איז קיינמאל נישט געשלאפן בייטאג. אז מוז, נו ער אט דארט געהאט אזא קאוטש אין ספרים שטוב. נו, קוקן אין א ספר אין בעט איז ביי אים געווען אזא מין עבירה.. עס איז דאך עפעס א ספר און דו לייגסט דיך מיט אים אריין אין בעט, ער האט נישט געקענט דאס קענען. נו, וואס טטוט מען, ער מוז איבעריבערכן דעם טאג, הכלל, האט ער דעמאלטס געטון אזוי איך האב דאך געהאט אן עלטערען ברודער מיט דריי יאר [הגה"צ רבי **זלמן לייב** זצ"ל אב"ד **סיגוט**] און ער האט אים גערופן און ער האט מיט אים גערעדט. ער האט געזאגט פאר זיין [מלמד] ר' **חיים הלל** [**היללער**], איך קאן דאך נישט לערנען יעצט איך מוז דאך איבערברעכן דעם טאג, מוז איך מיט אים רעדן.

ער האט מיט מיין ברודער גערעדט, אבער ער האט מיר קיינמאל נישט געזאגט וואס ער האט מיט אים גערעדט, קען איך אייך נישט זאגען וואס ער האט מיט אים געשמועסט. פון מיר האט ער נאר געוואלט וויסן זאכען פון די בחורים, וועגן לערנען, וואס ער לערנט, ווי ער לערנט האט ער מיך נישט געדארפט, נאר וואס רעדן זיי, איך האב טאקע געזאגט אפאר זאכן, ער האט דאס געוואלט הערן.

איך געדענק די מאמע ע"ה איז צו אים אריין פארטאגס א קינד איז אים דעמאלטס אוועק, קיינמאל איז נישט אזאנס געשען ווען ער איז געווען אינדערהיים, א פלא אלעמאל איז

## ובהם נהגה יומם ולילה

**הגה"צ ר' יהודא הלוי טירנויער זצ"ל אב"ד שומרי שבת ב"פ:** עס איז א פלא דעם עצי חיים'ס תשובות, דארט איז דא אזעלכע שטארקע תשובות, די וועלט האט דאס עפעס נישט אזוי [אויפגעכאפט]. איך האב געוויזן פאר איינעם די תשובה (סי' ג') דארט וועגן מרור, וועגן דעם רא"ש אויף מרור [דהיינו שיטת הרא"ש שעפ"י דין מצות מרור לא בעינן כזית, ומרן העצי חיים מיישב הקושיות על שיטתו], זאגט ער מיר, **רבי חיים בריסקער** זאגט די זעלבע זאך(כח). געוואלדיגע זאכען איז דא דארט, פול מיט יסודות.

**רבינו:** מיט פשטים אין תוספות, אן קיין אחרונים, ער האט נאר צוגעשטעלט אביסל אחרונים.

דער טאטע איז געוועזן אין וויען דעם לעצטן ווינטער, פרשת וישלח, האט אים דער דאקטער אויסגעפרעגט וואס איז זיין סדר, זאגט ער אז ער שלאפט צוויי שעה א נאכט. זאגט דער דאקטער, איז א וואונדער [שהוא חלוש כל כך].

הכלל, וואס זאל ער טוהן? [זאגט דער דאקטער] ער זאל זיך יעדען טאג אראפלייגן, ער מוז איבערברעכן דעם טאג. ער איז אהיימגעקומען אז דער דאקטער זאגט ער מוז זיך אראפלייגן, האט ער זיך יעדן טאג אראפגעלייגט אויפן קאוטש. ער איז קיינמאל נישט געשלאפן בייטאג. אז מ'מוז, נו, ער האט דארט געהאט אזא קאוטש אין ספרים שטוב. נו, קוקן אין א ספר אין בעט איז ביי אים געווען אזא מין עבירה... עס איז דאך עפעס א ספר און דו לייגסט דיך מיט דעם אריין אין בעט?, ער האט נישט געקענט דאס.

נו, וואס טוהט מען, ער מוז איבערברעכן דעם טאג, הכלל, האט ער דעמאלטס געטון אזוי, איך האב דאך געהאט אן עלטערן ברודער [הגה"צ רבי זלמן לייב זצ"ל אב"ד סיגוט] מיט דריי יאר, און ער האט אים גערופן, און ער האט מיט אים גערעדט.

ער האט געזאגט פאר זיין מלמד **ר' חיים הלל**(כט), איך קאן דאך נישט לערנען יעצט, איך מוז דאך איבערברעכן דעם טאג, מוז איך מיט אים רעדן.

ער האט מיט מיין ברודער גערעדט, אבער ער האט מיר קינמאל נישט געזאגט וואס ער האט מיט אים גערעדט, קען איך אייך נישט זאגען וואס ער האט מיט אים געשמועסט, פון מיר האט ער נאר געוואלט וויסן זאכען פון די בחורים, וועגן לערנען, וואס ער לערנט, ווי ער לערנט האט ער מיך נישט געדארפט, נאר וואס רעדן זיי, איך האב טאקע געזאגט אפאר זאכן ,ער האט דאס געוואלט הערן.

איך געדענק די מאמע ע"ה איז צו אים אריין פארטאגס, א קינד איז אים דעמאלטס אוועק, קיינמאל איז נישט אזאונס געשעהן ווען ער איז געוועזן אינדערהיים, – א פלא אלעמאל איז ער נישט געוועזן אינדערהיים ווען עס איז אים אוועק א קינד – יענעם זומער [היינו בקיץ שקודם הפטירה] איז אים אויך אוועק דער **יחזקאל'ע**, א קינד. – האט ער געהאט הויכן פרעשור (בלוט-דרוק), דעמאלטס איז נישט געוועזן צו דעם קיין

---

ער נישט געוועזן אינדערהיים, ווען עס איז אים אוועק א קינד, איך געדענק די לויה פון די **סלאטפינער רביצין** די ערשטע, אוי, יענעם זומער איז אים אויך אוועק דער **יחזקאל'ע**, א קינד. האט ער געהאט הויכן פרעשור, דעמאלטס איז נישט געוועזן צו דעם קיין שום מעדיצינען. האט מען אים געזאגט אז ער שטרענגט זיך צופיל איבער דעם מח, ער טאר נישט מחדש זיין. האט ער געזאגט פארן **סלאטפינער רב**, מען זאגט איך טאר נישט מחדש זיין, גוט, אבער איבערחזר'ן מעג איך. לאמיר איבער'חזר'ן אלטע תשובות. דעמאלטס האט ער געמאכט מפתחות אויף די תשובות עצי חיים".

**כח.** עיין בקובץ הוספות שבסוף הגדה של פסח מבית לוי – בריסק (עמ' ק"י) שמביא ביאור בד' הרא"ש כעין יסודו של מרן העצי חיים בתשובה הנ"ל

**כט.** ה"ה הגה"ח רבי **חיים הלל יאזשעף** ז"ל שהיה תלמידו של **המהרש"ג** ותלמידו של מרן **העצי חיים** שאכן יצא מגדרו וכתב לו כתב סמיכה להוראה, ולאחר הסתלקותו של מרן העצי חיים נתמנה כדומ"ץ האססא-מעזעי שבגלילות סיגוט, ומרן העצי לקחו למלמד לשני בניו ה"ה הגה"צ **מסיגעט** הי"ד ואחיו הצעיר מרן רבינו זי"ע, ורבינו היה מפליג לדבר מהיראת שמים של רבו הנ"ל, ופע"א התבטא רבינו: אזא ירא שמים ווי ר' חיים הלל האב איך נישט געזעהן אין מיין לעבן. ובמכתב הערכה לבנו הרה"ח ר' **משה היללער** ע"ה כותב לו מרן זי"ע בתו"ד: ממש לא יאומן כי יסופר האיך יכול אדם יחידי לעשות מעשים טובים כאלו, אני תולה שזכה לזה בזכות אביו הרב הגאון הצדיק מורי ורבי ר' חיים הילל זצללה"ה.

שום מעדיצינען, האט מען אים געזאגט אז ער שטרענגט זיך צופיל איבער דעם מח, ער טאר נישט מחדש זיין, האט ער געזאגט פארן **סלאטפינער רב**, מען זאגט איך טאר נישט מחדש זיין, גוט, אבער איבערחזר'ן מעג איך, לאמיר איבערחזרן אלטע תשובות. דעמאלטס האט ער געמאכט מפתחות אויף די **תשובות עצי חיים**.

ממש א רגע האט ער נישט גערוהט, צוויי מוחות האט ער געהאט, גערעדט מיט מענטשען און געשריבן, אלעס האט ער דאך אליין אפגעשריבען, נישט דא א זאך וואס ער אליין האט נישט געשריבן, תשובות, מסכתות, תורות, אלעס, דאס וואס איז געדרוקט אין עצי חיים איז נישט געווען ממש קיין משהו פון וואס ער האט געשריבען, ער האט געהאט א פאר כרכים על התורה, אויף רוב האט ער געמאכט א שטראך האט מען עס שוין נישט געקאנט דרוקען, ער וויל נישט מען זאל דרוקען.

פארוואס ער האט נישט געוואלט מען זאל עס דרוקן?, מען האט נישט גערעדט אזוי מיט אים פון די זאכן, ער האט דאך בכלל זייער ווייניג גערעדט, די אלע מענטשן וואס ער האט געהאט, האט ער זיך געדארפט פארשטיין אזוי ברמז, אווארט איז געווען ביי אים עפעס א זאך...

ער האט מיר דערציילט דער ר' זלמן לייב פון טעטש[ל], **ר' אלי'ס**[לא] פאטער, אין טעטש דער טעטשער רב איז נפטר געווארן, עס איז געבליבן א זון א אינגל, עס איז געווען דארטן ציפקע צרות, זענען זיי געקומען פון טעטש, בעלי בתים, און דער זלמן לייב איז אויך דארט געווען, און ער האט אים פארציילט וואס דארט טוט זיך, און ער האט געשריבן, איז ער געבליבען שטיל, פרעגט אים דער טאטע, וואס רעדסטו נישט. זאגט ער דער רבי שרייבט דאך!, זאגט ער צום שרייבן פעלט אויס דו זאלסט מיר רעדן דא...[לב]

ממש נישט צום גלייבן, ער האט געקענט גיין מיט מענטשן, ער האט געהאט א גארטן אין הויף איז ער געגאנגען דארט שפאצירן, ער איז צוריקגעקומען ער האט זיך גלייך געזעצט שרייבן.[לג]

**ל.** הרה"צ ר' **יקותיאל יהודה טייטלבוים** ז"ל הי"ד מבאניא, בן הגה"צ רבי **משה טייטלבוים** זצ"ל אבדק"ק טעטש, בנו של הגה"ק רבי **אלי' בצלאל טייטלבוים** זצ"ל מטעטש, בן מרן **הייטב לב** זי"ע.

**לא.** הרה"ח ר' **אלי' בצלאל טייטלבוים** ז"ל.

**לב.** וכן דיבר בקדשו מרן זי"ע בד"ת **לחנוכה תשנ"ה** וז"ל: "ער האט נישט מסיח געווען פון לימוד התורה אפילו איין רגע, ער האט געקענט רעדן מיט איינעם און שמועסן, און בשעת מעשה טראכטן פון לערנען... ער האט געהאט צווי מוחות... עס האט מיר דערציילט דעם טעטשער רב'ס זון אז ער האט מיט אים גערעדט וועגן זיינע זאכן, עס איז געווען דעמאלטס פאליטישע ענינים אין טעטש מחלוקת, און דער טאטע האט געשריבן, האט ער אויף געהערט צו רעדן, זאגט אים דער טאטע, פאר וואס זאגסטו נישט ווייטער, ענטפערט ער, דער רבי שרייבט דאך, זאגט דער טאטע נו איך הייס דיר דאך וועגן דעם זאגן, אים האט עס הפנים אויסגעפעלט, אז מען וועט צו אים רעדן וועט אים בעסער ארבעטן דער מוח". וכ"כ בנו הגה"צ **מסיגעט** הי"ד זצ"ל בהקדמתו על שו"ת **עצי חיים**: "גם זאת היתה לפלא, כי כאשר באו לפניו לשאול ממנו עצה ותושי', כאשר ישאל איש בדבר אלקים חיים, הי' העט והקולמוס בידו האחת וכתב בה פרי עשתונותיו בפלפל וסברא, ובידו השני הראה במחוג את חוות דעתי הזכה הטהורה בדבר שנשאל ממנו, ולהרואה הי' נראה כאילו משתמש בשתי חושים, בחוש האחד השיב בדברי תורה ובחוש השני הי' שפתותיו ברור מללו על דבר העצה שנשאל עליו, ועבד עבודתו בכפליים, פעל לחוסים בו נגד בני אדם בחיי שעה ובאותו שעה עבד בו עבודתו ועשה לנשמתו אשר חנן ה' אותו בחיי עולם, והיום נחשב לו כשני ימים וכו'". עכ"ל.

**לג.** וז"ל בניו הקדושים בהקדמה לשו"ת **עצי חיים**: גודל תשוקתו ויגיעתו עד אין חקר, כי גם בעת שהי' האדם יכול לחשוב שלבו מופנה לדברי רשות, אבל לבסוף כאשר גמר דבריו הוברר הדבר למפרע שגם עת דיבורו בעניני חול הי' לבו פנוי לקודש, כי במשך העת שדיבר דברי רשות במצפון לבו ומחשבתו הי' חושב איזה ענין עמוק לפרק ולתרץ איזה קושיא חמורה, או בירר וליבן איזה הלכה אשר נשאל ביום ההוא מאת שואליו, ונתברר זאת כי הרבה פעמים אחר שגמר שיחה נאה נכנס תיכף תוך כדי דיבור לחדרו ונטל הנייר וכתב בעט ברזל ועופרת בספר זכרון לפניו כל הני מילי מעלייתא שנפל ברעיונו במשך העת שדיבר עם אוהביו ודופקי דלתותיו, וכן הי' כמעט על פי רוב ועל ידי זה נודע ונתברר כי כל עשתונותיו קידש באהבתו של תורה בלי הפוגות כל היום, וכמעשהו ביום כך מעשהו ובלילה, ששם לילות כימים למצוא חלקו שחלקו לו מן השמים, עיי"ש.

ועיי' בס' **שיח זקנים** (ח"א עמ' קי"ז) בשם א' מתלמידי העצ"ח שהיה לו חידושים על מס' בבא מציעא, ועל מס' כתובות דף על הדף ונאבד הכל. ועיי"ש שסיפר שהעצ"ח היה הרבה פעמים מדבר עם א', ולפתע היה אמר לו, תמחול לי אני כבר חוזה, והלך לרשום חידוש שנפל ברעיונו באמצע הדיבור.

**הגר"י:** מען זאגט אז ער איז אמאל געווען אין מארינבאד.

**רבינו:** נישט אין מארינבאד, ער איז קיינמאל נישט געווען אין מארינבאד.

**הגר"י:** אין קארלסבאד?.

**רבינו:** ער איז קיינמאל נישט געפארן אין אזא באד ווי מארינבאד אדער קארלסבאד, אין טשאפ אפשר...

**הגר"י:** עס איז געדרוקט די מעשה, אבער איך האב עס געהערט, דער אלטער ר' **טובי' פריינד** האט מיר אזוי דערציילט. אז ער האט זיך געטראפן מיטן **מנחת אלעזר** אין א באד און מען האט אריינגעברענגט פירות איז געווארן א גרויס פלפול, רופט זיך אן דער מנחת אלעזר "איך האב א ספר פון א ספרדי און דארט שטייט אזוי ווי איך זאג", זאגט דער עצי חיים "אין דעם ספר שטייט אזוי ווי איך זאג", זאגט דער מנחת אלעזר "עס קען נישט זיין", און מען האט געמוזט ברענגען א ספר פון מונקאטש האט מען געזעהן אז דער עצי חיים איז גערעכט.

זאגט אים דער מנחת אלעזר "פון וואנעט האט איר דאס ספר?". זאגט דער עצי חיים "איך האב טאקע נישט דעם ספר, נאר איך בין געפארען קיין קראקא, האב איך דארט געמוזטווארטן אויף דער באן, האב איך דארט געזען דעם ספר, האב איך דורגעקוקט דאס ספר, געדענק איך עס פון דארט".

**רבינו:** איר האט די מעשה געהערט פון אים דערציילן?

**הגר"י:** אזוי האט ער מיר דערציילט.

**רבינו:** דער פעטער פלעגט זאגן, פארוואס זאגט מען א יעדע מעשה האט שוין א בארד, ווייל יעדער לייגט צו א האר ווערט שוין א בארד, די מעשה איז אויך אן אמת'דיגע מעשה, נאר נישט פונקטליך, איך וועל אייך פארציילן די מעשה, די מעשה איז געווען אזוי.

אין **טשאפ**, דאס ווייסט יעדער איינער האבען זיי גערעדט א גאנצע נאכט, דער גבאי דער **חיים בער**[לד] ער איז געווען אינדערמיט, זיי האבן זיך אריינגעלייגט, ער אין איין בעט און ער אין אנדערען בעט און זיי האבן אזוי גערעדט. הכלל, האט ער געזאגט פארן טאטן, "איך וועל אייך זאגען א קושיא וואס איר האט נאך נישט געהערט", זאגט ער אים איך וועל אייך זאגען א תירוץ אויף די קושיא, האט ער שוין געזעהן אז ער האט געזעהן די קושיא, ווייל ער האט דאך אים געזאגט דעם תירוץ, ער האט דאך געהאט א גרויסע ביבליאטעק, זאגט ער אים אז ווען ער האט געגעסען קעסט אין טארנא – דער טאטע האט זעקס חדשים געגעסן קעסט אין טארנא – דארט איז געווען א גרויסע ספרים סטאר, אפילו דער שינאווער רב דער **דברי יחזקאל** פלעגט קומען קיין טארנא איז ער געווען אין דעם ספרים סטאר.

ווען דער טאטע פלעגט גיין לערנען אין קלויז פלעג ער אריינגיין אין ספרים סטאר, דארט האט ער געזען דעם ספר, עס איז געווען אן אנטיק ספר האט מען געבעטן דערפאר אסאך געלט, ער האט אבער נישט געהאט קיין געלט, האט ער זיך מיישב געווען – אזוי דערציילט ער – איך האב אים געפרעגט צו ער מעג דורכקוקן דעם ספר, האט ער אים געזאגט דא קאנט איר קוקן דעם ספר וויפיל איר ווילט, האט ער דורכגעקוקט, האט ער דעמאלטס געזעהן די קושיא. ער האט קיינמאל נישט פארגעסן, ביי אים איז אזאנס נישט געווען.

**הגר"י:** דער רבי ז"ל האט דאך געזאגט, ער האט אמאל געהייסן ברענגען א רשב"א נאכצוקוקן, האט ער געזאגט ביי מיין ברודער וואלט דאס נישט פאסירט.

**רבינו:** ער האט טאקע געהאט אזא מורא'דיגן זכרון, ער איז אבער שטענדיג געזעסן און געלערנט[לה].

**(ניחום אבלים, ג' וילך תש"נ)**

**לד.** הרה"ח ר' **חיים בער גרינפעלד** ע"ה, משב"ק אדמו"ר מונקאטש.

**לה.** עיי' בס' שיח זקנים (ח"א עמ' קיז) בשם א' מתלמידי העצ"ח ששמע ממנו שאמר: העולם מדברים ממני אודות הזכרון שלי, הנה יש לי זכרון כשאר בנ"א, רק אני מייגע עצמי לכך אני זוכר יותר טוב.

## כח הזכרון

**רבינו:** דער טאטע ז"ל נאכ'ן דאווענען[לו], האבן זיי געהאט א פילפול דער **קליינווארדיינער רב**[לז], מיט'ן דיין ווי אזוי האט ער געהייסן?

**הרה"ח ר' אביגדור יאקאבאוויטש ע"ה:** ר' משה הערש[לח].

**רבינו:** עפעס אין הלכות בית הכנסת, און ער (מרן העצי חיים ז"ל) האט זיי געזאגט, אז זאלן אריבערקומען איבערשמועסן די הלכה, זענען זיי אריינגעקומען, און ווען מען האט געשמועסט אין הלכות בית הכנסת האט דער טאטע געזאגט, סעיף קטן ד', און מען איז געגאנגען און מען האט ארויסגענומען דעם שולחן ערוך, און עס איז געשטאנען עפעס מיט צוויי סעיף קטנ'ס שפעטער, און ווען זיי זענען אוועקגעגאנגען האט ער געזאגט דער מוח ארבעט נישט.

**הרה"ח ר' יחזקאל לעפקאוויטש ע"ה:** פאר וועמען האט ער עס געזאגט?

**מרן ז"ל:** פאר ר' **יאסל צימענט**[לט], ווען דער דיין איז אוועקגעגאנגען. ער האט געקענט שולחן ערוך אויסענווייניג יעדן סעיף קטן, אורח חיים יורה דעה אבן העזר וכו'.

**אחד הנוכחים:** מען פלעגט דאך זאגן אויף אים אז ער האט געהאט צוויי מוחות.

**ר' יחזקאל:** מיין טאטע[מ] האט דערציילט ער האט געשמועסט מיט'ן עצי חיים, דער חילוק צווישן ווען מען לערנט און מען זאגט ארויס, אדער מען קוקט אין א ספר האט ער געזאגט, "איך האב א טבע אז ווען איך קוק פארגעס איך אויך נישט".

**רבינו:** ער האט געזאגט, פון ווען ער האט געקאנט לערנען האט ער נישט פארגעסן[מא].

**ר' אביגדור:** דער **רבי ז"ל** האט אמאל געזאגט ביים פארלערנען פאר די בחורים[מב] "ביי מיין ברודער דער עצי חיים האט עס נישט פאסירט" [ענין של שכחה].

**רבינו:** דער **פעטער ז"ל** פלעגט קומען קיין



חתימות הגה"צ אבד"ק קליינווארדיין והגה"צ דומ"ץ קליינווארדיין על הפסק דין הנודע לרפואת מרן העצי חיים זי"ע

---

**לו.** בשבת האחרונה לימי חייו, שב"ק פרשת וארא שנת תרפ"ו לפ"ק, שערך מרן **העצי חיים** זי"ע בק"ק קליינווארדיין יצ"ו.

**לז.** הגה"צ ר' **משה חיים ראזענבוים** זצ"ל אבד"ק קליינווארדיין ובעמח"ס לוית חן, נולד בפרעשבורג ביום י"ד אב תרכ"ה, לאביו הגאון רבי **גרשון** זצ"ל אבד"ק טאלליא ובעמח"ס שו"ת משיב דברים. הי' תלמיד מהגאון רבי **אלעזר לעוו** זצ"ל אבד"ק **אונגוואר** ומהגאון בעל **שבט סופר** זצ"ל. כשהגיע לפרקו נשא את בת הגה"צ ר' **פנחס חיים קליין** זצ"ל אבד"ק **סעליש** (בן הגה"ק בעל צרור החיים מסעליש זצוק"ל), והסתופף הרבה בצל מרן הקדושת יו"ט זי"ע. בשנת תרמ"ח נתמנה לאב"ד **שאמלוי**, ובשנת תרנ"ז נתמנה לאב"ד **קליינווארדיין**. נלחה"ה ביום כ"ח כסלו ד' דחנוכה תש"ג לפ"ק.

**לח.** הגה"צ ר' **משה צבי לאנדא** זצ"ל דומ"ץ קליינווארדיין ובעמח"ס **שלחן מלכים** ועוד. נולד בוואלאווא ולמד בישיבת הגה"ק בעל **ערוגת הבושם** זצוק"ל ובישיבת מרן הגה"ק בעל **קדושת יו"ט** זי"ע. כשהגיע לפרקו נשא את בת הגה"צ ר' **נפתלי שרייבער** זצ"ל דומ"ץ קליינווארדיין ובעמח"ס **מטה נפתלי**, ומשנת תרס"ה התחיל לשמש כמו"ץ בקליינווארדיין ליד חותנו. נלחה"ה ביום ח"י ניסן ג' דפסח שנת תש"א לפ"ק.

**לט.** שהי' אז הבעל אכסניא של מרן העצי חיים זי"ע בקליינווארדיין.

**מ.** הרה"ח ר' **יצחק אייזיק לעפקאוויטש** ע"ה מחשובי חסידי סיגעט.

**מא.** בספר **צדיק כתמר יפרח** (סאטמאר תרצ"ט): "וסיפר לי ר' **חיים יודא לעווי** הנ"ל שהי' אצל רבינו (מרן העצי חיים זי"ע) בסיגעט על שבת קודם שנסע רבינו **לקליינווארדיין**, ורבינו אמר לו שלא שכח מעולם מה שלמד".

**מב.** **במושיען של ישראל** (ח"א פ"ב): "רבינו ז"ל הפליג בשבח כח

**סיגוט** צו דער יארצייט[מג], בין איך אסאך מאל געשטאנען דערביי ווען ער איז אנגעקומען, עס געווען א ספרים צימער, און עס איז געווען אזא שמאלער צימער'ל ווי ער האט געזעגנט, דארט איז געווען א קליין טישל מיט א ספרים שאפע, מיט א בענקל, תיכף ווען ער איז אנגעקומען האט מען אים געגעבן א בענקל, און זיי האבן זיך אראפגעזעצט שמועסן, און תיכף האט מען אנגעהויבן צו שמועסן אין לערנען, מיט'ן פעטער זכרונו לברכה, דער טאטע האט דאך נישט געקענט אזוי הויעך שרייען, האט ער געזאגט, "לאמיר נאכקוקן די גמרא, ניתי ספר, וואס דארף מען זיך מפלפל זיין"[מד].

**(ה' לך תש"נ במיאמי)**

## ספרי עצי חיים

**הרה"ג ר' נפתלי אויש שליט"א מוואלקאן:** דער עצי חיים על התורה, איז דאך אזוי שיין מתוק מדבש יעדעס שטיקל.

**רבינו:** געזאגט האט ער מער באריכות מיט התעוררות, אבער ער האט געשריבן קליינע קורצע שטיקלעך, ער האט עס אפגעשריבן, עס איז וואונדערבארע שטיקלעך, אבער ער האט נאר ארויסגענומען דעם תמצית הדברים.

**הרב נפתלי אויש:** ער האט אלעס אליינס געשריבן?

**רבינו:** אלעס אליינס געשריבן.

**הרה"ח ר' משה טייטלבוים ע"ה מבאניע:** איך זאג אלץ, די לעדלעך וואס איז געווען אנגעפאקט מיט כתבי ידות, דארט אין דעם שענקל נעבן דער טיר, א געוואלד.

**ר' נפתלי אויש:** דער רבי דערציילט אז ער האט זייער אסאך אויסגעשטראכן. וואס ער אליינס האט געשריבן האט ער אויסגעשטראכן?

**רבינו:** יא ער אליינס.

**ר' נפתלי אויש:** דאס האט מען נישט געדרוקט.

**רבינו:** ניין. אבער ביי אים איז עס געווען אזוי מסודר, ער האט געהאט אפגעטיילט אויף מסכתות, אויף בבא מציעא, אויף קידושין[מה]. און ער האט נישט געהאט קיין געבונדענעם בוך, עס האט געהאט נאר אזא בענדל, אזוי ווי א פאלדער, ער האט נאר שטענדיג צוגעלייגט, צוגעלייגט א דרוש און א חידוש. נישט ער זאל דארפן איבערשרייבן נאכאמאל, ער האט קיינמאל נישט געדארפט צו שרייבן צוויי מאל.

**ר' נפתלי אויש:** ער האט געהאט א שיינעם כתב?

---

זכרונו המבהיל של אחיו העצי חיים ז"ל ושמענו מרבינו ז"ל פעם בעת הגדת השיעור לבני הישיבה בברוקלין כשלמד מס' בבא מציעא, ורבינו חזר בעל פה על דברי הרמב"ן מדף אחד, וכאשר הביאו את החידושי הרמב"ן מצאו את דבריו בדף אחר, ואמר אז רבינו: "שאצל אחיו העצי חיים לא היה מתרחיש דבר כזה שיטעה מדף אחד להשני", כי השכחה כמעט ולא שלטה עליו".

ובספר **אמרי דבש** (פרק י"ז, עמ' קכ"א): "שמעתי מפי הרה"ג מו"ה **נפתלי הירצקא פריעדמאן** שליט"א אבדק"ק אלאסי, שפ"א כאשר דיבר עם אדמו"ר הגה"ק מרן יואל טייטלבוים זי"ע אבדק"ק סאטמאר בעל דברי יואל על אודות אחיו אדמו"ר הגה"ק מרן בעל עצי חיים מסיגוט, אמר מרן מסאטמאר שאצל אחיו הנ"ל לא הי' בנמצא שכחה, כי כל מה שראו עיניו לא סרו מזכרונו לעולם".

**מג.** של מרן **הקדושת יו"ט** זי"ע ביום כ"ט שבט, ושל מרן **הייטב לב** זי"ע ביום ו' אלול.

**מד.** בספר **אמרי דבש** (פרק י"ז, עמ' ק"כ): "שמעתי מפי הרה"ג מו"ה **שלמה זלמן פריעדמאן** שליט"א אבדק"ק טענקא, שפ"א כאשר הי' שני אחים הגה"ק בצוותא חדא, ה"ה רבו הגה"ק אדמו"ר בעל **עצי חיים מסיגוט**, ואחיו הגה"ק אדמו"ר **מהריט"ב מסאטמאר** זי"ע אז עודנו אבדק"ק **ארשיווא**, והיו שניהם משוחחים יחדיו, ומענין לענין נתהוה ביניהם פלפולא חריפתא בדברי בית יוסף א', ולחמו במלחמתה של תורה, ולסוף אמר הגה"ק העצי חיים ווען אך זאג דיר אזוי איז עס אזוי, והנה הבחורים שהיו שם באותו מעמד הי' רוצים לדעת דברי מי נכונים ועם מי האמת והצדק ואמרו נייתי ספר וניחזי דברי מי צודקין, ולקחו בית יוסף ועיינו אחריו ויבוקש הדבר וימצא שדברי העצי חיים נכונים, והראו זאת למרן מסאטמאר כי מה יאמר לזה ולמה פלפל כ"כ, ולא הודה בדבה, וכאשר ראה א"ז ענה להם ואמר האב איך דען נישט געוויסט אז ער איז גערעכט... ורק אז הבינו כולם כי הם לא פלפלו עצמם בסתם פשט בדברי ב"י, רק נלחמו בדברים עמוקים אשר הם לא ידעו ולא יבינו כי לאו בל מוחא סביל דא, ומים עמוקים בלב ים עמוק עמוק מי ימצאם".

**מה.** ראה **שיח זקנים** (ח"א עמ' קי"ז) מזכרונות הרה"ג ר' **מרדכי ווילינגער** ז"ל: "כמ"פ אמר העצי חיים באמצע דיבורו, תמחול לי, אני בא מיד בחזרה, והלך לכתוב חידוש שנפל

**רבינו:** יונגערהייט האט ער געהאט, אויף דער עלטער האט ער געשריבן זייער גיך, **משה**[מו] אליינס האט עס נישט געקענט ליינען, ער האט עס אפגעשריבן. ער האט עס גיך אפגעשריבן. משה האט עס איבערגעשריבן.

**ר' משה טייטלבוים:** וואס עס איז געלעגן אין די לעדלעך דאס איז שוין געווען וואס משה האט געשריבן.

**רבינו:** אין דער קאסע איז געווען די כתבים, מען האט גארנישט געדארפט טוהן, מען האט געקענט גלייך עס ארייגעבן צום דרוק. עס איז געווען אפגעשריבן עס איז געווען אזוי לעזבאר, אבער זיין אייגענער כתב דאס האט ער דאך אלעס געשריבן אליין.

**ר' נפתלי אויש:** וואס איז געווארן דערמיט?

**רבינו:** צו ער האט עס פארברענט? צו מ'האט עס נישט געטראפן? איך ווייס נישט.

ער האט זייער נישט גערעדט. ער איז געווען אזוי אויסגערעכנט. ער האט נישט גערעדט צו מענטשן, נאר צו זיינע נאנטסטע מענטשן, און צו זיי אויך בקיצור[מז].

**(ביקור חולים אצל הרה"ח ר' משה טייטלבוים ע"ה מבאניע, בשנת תש"נ)**

## אמירתו לגבוה

**הרה"ח ר' יוסף בנימין ווילינגער:** רבי **בערל אמסל** האט מיר פארציילט אז אין סיגוט פרייטאג צו נאכט'ס ביים טיש איז געווען איינגעטיילט וועלכע בחורים זאלן גיין צום טיש, ס'זענען נישט אלע בחורים געקומען צום טיש, אבער מיין טאטע איז געווען ביי יעדן טיש.

**רבינו:** ס'זענען נישט געקומען אלע בחורים צום טיש?

**ר' יוסף בנימין:** ניין, די ישיבה האט נישט געלאזט קומען אלע בחורים צום טיש, ס'איז געווען איינגעטיילט יעדע פרייטאג צו נאכט'ס אנדערע בחורים, און מיין טאטע איז געווען ביי אלע טישן, האט ער (ר' בערל אמסל) מיר געזאגט אז אמאל האט ער אים געפרעגט פארוואס ער מעג יא און אנדערע מעגן נישט, האט ער געזאגט איך זאג דאך תורה ביים טיש, ווען כ'בין מחדש אזאך בין איך נישט זיכער, צי איך האב דעם ריזן זכרון, מוצאי שבת קען איך מיט אים אדורך שמועסן וואס כ'האב יא געזאגט.[מח]

**הרה"ח ר' הערשל ווילינגער:** כ'האב געפרעגט דעם טאטן וואס איז געווען דעמאלטס, האט ער מיר געזאגט, אז דער עצי חיים פלעגט מחדש זיין אויפן ארט נייע זאכן.

**רבינו:** ער האט זיך קיינמאל נישט פארגעקוקט קיין תורה.

**(ניחו"א אצל בני הגה"ח ר' מרדכי ווילינגער ז"ל, פ' פקודי תשנ"ה)**

המשך בגליון הבא

ברעיונו באמצע הדיבור. הי' לו חידושים על מס' בבא מציעא ועל מס' כתובות דף על דף, ונאבד הכל".

**מו.** הרה"ח ר' **משה הכהן קאהן** ז"ל (הנקרא "ר' משה נאנאשער") משב"ק מרן העצי חיים ז"ל, שהביא את ספריו לבית הדפוס.

**מז.** בשיחה הנ"ל סיפר **מרן זצ"ל:** "ממש א רגע האט ער נישט גערוהט, צוויי מוחות האט ער געהאט, גערעדט מיט מענטשן און געשריבן, אלעס האט ער דאך אליין אפגעשריבען, נישט דא א זאך וואס ער אליין האט נישט געשריבן, תשובות, חידושים אויף מסכתות, תורות, אלעס. דאס וואס איז געדרוקט אין עצי חיים איז נישט געווען ממש קיין משהו פון וואס ער האט געשריבן, ער האט געהאט א פאר כרכים על התורה, אויף רוב האט ער געמאכט א שטראך האט מען עס שוין נישט געקאנט דרוקען, ער וויל נישט מען זאל דאס דרוקען.

פארוואס ער האט נישט געוואלט מען זאל עס דרוקן? מען האט נישט גערעדט אזוי מיט אים פון די זאכן, ער האט דאך בכלל זייער ווייניג גערעדט, די אלע מענטשן וואס ער האט געהאט האבן אים געדארפט פארשטיין אזוי ברמז, א ווארט איז געווען ביי אים עפעס א זאך".

**מח.** וכל ימיו היה מקושר בקשר אמיץ וחזק ברבו, השאיר בכת"י עשרות ד"ת ששמע מרבו ולא נדפסו בעצ"ח, ולאחרונה יצאו לאור עולם. ובכל עת מצוא היה מזכיר דברי תורה ששמע ממנו, ועובדות שראה אצלו.